מיכל געלבארד.

ר' אהרן פיסטעלזינגער אלס עמוד קינסטלער

(אויף מיין פאטערס פרישען קבר)

מען האט שוין געבענטשט אלול, און די תקיעות יעדען פריהמארגען זאגען שוין אן, אז באלד, באלד קומט דער גרויסער יום הדין, ווען יעדער איד וועט מוזן אפגעבען דין וחשבון פארן מלך מלכי המלכים. און די אימה פאר א שלעכטען גזר חלילה, ברענגט יעדען אלול אוועק מעהר אידען ווי געוועהנליך אין שוהל אריין, און איהר קאנט אמאל בין מנחה למעריב באמערקען קופּקעס על טערע אידען זיצען און דערצעהלען זכרונות פון דער אלטער היים, מייסטענס ווערט דערצעהלט פון די היימישע בעלי תפלות נאך וועלכע זיי בענקען אזוי שטארק.

עס איז קיין וואונדער ניט וואס די אנגעפאהרענע אידען קאנען דא קיין גייסטיגען מקום מנוחה ניט געפינען און בענקען אזוי שטארק אהיים נאך זייערע גייסטיגע שפייזער בכלל און בעלי תפלות בפרט.

ווייל ווען דער איד אין דער אלטער היים פלעגט קומען א שבת אדער יום טוב נאך א וואך שווערער הארעוואניע, צרות און דאגות פרנסה, אין שוהל — האט ער געמוזט פארגעסען אן אלעס וואס בעדריקען און איז אריינגעפיהרט געווארען אין די עולמות העליונים. דוד דעם שליח צבור'ס דאווענען וואס האט אמת'ניג געריהרט דעם איהענס הארץ און איהם אריינגעבראכט אין א הייליגער שטימונג.

דער היימישער בעל תפלה פון 40—50 יאהר צוריק האט קיין מוזיק ניט געקענט, קיין הארמאניע זיכער ניט, האט אפילו ניט געקאנט קיין נאטען לעזען, אבער ער האט מיט דעם איינפאכען נוסח התפלה, סקארבאווע נגונים און פירוש המלות געפאנגען יעדעם אידישע הארץ.

א ראזומנע, מאיר טראקער, יאשע סלאנימער און ירוחם הקטן האבען געהערט צו יענעם סארט בעלי תפלות, וואס האבען קיין מוזיק ניט געקענט און דאך זיינען זיי געווען עמוד־קינסטלער.

די ערשטע זאך, וואס א חזן אדער בעל תפלה דארף באזיצען אום צו זיין אן עמוד קינסטלער, איז טאלאנט.

מעג א חזן האבען א גרויסע שטימע, קענען א סך מוזיק און האבען א בערדעל מיט א פרינץ־אלבערט, קוים אבער האט ער ניט קיין טאלאנט און קען ניט קיין נוסח התפלה, קען ער קיין עמוד קינסטלער ניט זיין, און דאס וואס עס פעהלט דאס רוב אמעריקאנער חזנים.

אין דער היימישער איד בענקט טאקי נאך יענעם היימישען בעל תפלה, וואס איז פארגאנגען אין א "וואלעבעל" ביי בבקרת רועה עדרו, אדער הבן יקיר לי אפרים, וואו דער עולם איז געווארען פארכשופ'ט הערענדיג און געוואונשען, אז קיינמאל, קיינמאל זאל ער ניט אויפהערען דעם זיסען ניגון. אייביג זאל ער אזוי זינגען, אדער זאגען, און בשעת מעשה האט דער איד פארקוקט זיך ארויף און געזעהען... ווי הקדוש ברוך הוא אליין זיצט אויף זיין כסא הכבוד ארומגערינגעלט פון טויזענטער מלאכים, שרפים ואופנים, וועלכע ברענגען און רופען אויס אלע בקשות פון יעדען איד באזונדער. און צווישען זיי הערט ער אויך זיין בקשה אויסרופען, און פיהלט, טאקי שוין, ווי עס ווערט איהם אזוי לייכט, אזוי גוט אויף'ן הארצען, און ער איז זיכער, אז זיינע תפלות און בקשות זיינען דערהערט און אנגענומען געווארען.

* * *

איינער פון אט יענע בעלי תפלות איז געווען ר. אהרן פיסטעלזינגער, וועלכער האט גע'שמ'ט אינ'ם גאנצען געגענד ארום אזארקאוו און לאדז, אלס דער בעסטער בעל תפלה.

פלעגט נור די ערשטע אלול תקיעה געבלאזען ווערען, האט שוין ר' אהרן ניט געהוהט גלייך מיט'ן מארגענשטערען האט מען איהם געקענט זעהען יעדען טאג אויף דער לאנקע, וועלכע האט זיך געצויגען פון זיין הויף אין שטעדטעל, וואו ער האט זיך איינגעהערט אין דאס סווישטשען פון די פייגעלאך, און דאס פרובירען נאכמאכען מיט זיין פיין הארציג, ליריש טענאר שטימעלע און מען פלעגט נים דערקאנען קיין אונטערשייד צווישען פויגעל און ר' אהרן — דערפאר האט מען איהם גערופען פיסטעלזינגער.

און עס איז קיין וואונדער ניט וואס גלייך נאך פסח, האבען שוין אנגעהויבען קומען דעלעגאציעס פון די גרעסטע חברות און שוהלען, אום דינגען איהם אויף ימים נוראים אלס זייער שליח צבור.

ר' אהרן איז געגאנגען אהין, וואו ער איז געווען זיכער, אז מען וויל איהם בלויז דערפאר, ווייל מען האט ליעב זיין דאווענען און ניט פאר "געשעפט".

ר' אהרן איז געווען א איד א הדרת פנים, א למדן און א ירא שמים. ר' אהרן האט געזונגען אלס איינגעל ביי די גרעסטע חזנים פון יענער צייט. ר' יאשע סלאנימער, מאיר טראקער און יאטע פלאצקער האבען זיך געיחוס'ט מיט ר' אהר'לען אלס זייער תלמיד.

כאטש ר' אהרן האט קיין נאטען ניט געקאנט, האט מען פון דעסטוועגען ביי איהם געזונגען די שענסטע און רייכסטע קאמפאזיציעס, וועלכע ער אליין האט זיי איינגעשטודירט, און ער האט טאקי געהאט מיט וועמען צו זינגען, א חוץ זיינע 6 זיהן פון וועלכע צוויי זיינען שפעטער בעקאנטע מוזיקער געווארען, האבען זיך צו איהם געריסען אלע זינגער פון שטאדט.

אלסאיינער פון די נאהענטסטע אין ר' אהרן'ס הויז וויל איך דא איבערגעבען איינציגע זכרונות ווענען איהם אלס בעל תפלה, לעהרער און קינסטלער, וועלכעס קען געזאגט ווערען, ווענען אלע יענע בעלי תפלות נאך וועלכע די אידען בענקען אזוי ווען דער אלול קומט אן.

איך געדענק ניט ווען איך האב איהם דאס ערשטע מאל געזעהען, איך ווייס נאר, אז זינט איך בין צו מיין שכל געקומען געדענק איך איהם און ער געהט מיר קיינמאל ניט ארויס פון מיין זכרון.

עס דאכט זיך מיר, אז אט זעה איך איהם יעצט, מיט זיין שטענדיג זיסען שמייכעל און אייביג לאכענדיגע אויגען, וועלכע האבען אין מיר, ווי אין יעדען זינגער, איבערגעלאזען אן אייביגע בענקשאפט.

מיין שענסטע יוגענד האב איך ביי איהם אין הויז פארבראכט, מיין ערשטען אויפטריט אלס משורר, האב איך ביי איהם געהאט, אלס לעהרער איז ער אייך ווי א טרייער פאטער צו זיינע זינגער געווען.

מערקווירדיג איז, אז ניט קאנענדיג קיין נאטען, האט ר' אהרן דאך איינגעזונגען צעהנדליגע קווארטעטען פון ווידעל ראווער, נישע בעלזער און זאנאר פון לעוואנדאווסקי, און יעדע שטימע געדענקט אויף'ן קאפ, א מערקווירדיגען זכרון געהאט.

א מוזיקער זעהענדיג איהם דיריגירען, האט קיינמאל ניט געקאנט וויסען, אז דאס דיריגירט א מאן, וועלכער האט קיין נאטען ניט געלערענט, און נאך מעהר: ער האט אויסגעצייכענט פארשטאנען דעם כאראקטער פון יעדער קאמפאזיציע, אפגעהיט יעדע פארטא און פיאנא, אנדאנטע און אלעברא, א. א. ד. גל. אזעלכע בעלי תפלות זיינען עמוד־קינסטלער.

זייענדיג א בעל מטופל פון, קיין עין הרע, צעהן קינדערלאך, און ניט קיין צו גרויסער עושר, האבען איהם די דאגות פרנסה פאר דער צייט אלט געמאכט, איין טרייסט האט ער געהאט, דאס איז געווען דער עמוד.

פלעגט ער צוקומען צום עמוד, האט ער באקומען אן אנדער אויסזעהען. די אויגען האבען געלויכטען, דאס הארץ האט גענומען זיך שטארקער באוועגען און מען האט געקאנט זעהען, אז יעצט אינטערעסירט איהם נאר גאר ניט — א חוץ דער עמוד.

האט ער אנגעהויבען זאגען יום כפור „עשרה הרוגי מלכות" — ביי דעם האט ער אלע זיינע כחות אוועקגעלעגט — האט ער א'שטיין געקאנט ברענגען צו טרעהרען.

האט אנגעהויבען שטיל און הארציג דערצעהלען: "אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה", וואס ווייטער אלץ שטארקער און הארצרייסענדער איז זיין טאן געווארען.

פון פסוק צו פסוק האט ער אלץ שטארקער און שטארקער געמאלען פאר אייך די בלוטיגע טראגעדיע פון די "עשרה חכמים גדולים" מיט זיינע טענער פארבען, און ווען ער איז געקומען צום פסוק „והוציאו את רבי עקיבא דורש כתרי אותיות, ושרקו בשרו" א. ז. וו. האט ער אנטפלעקט פאר אייך דעם גאנצען אידישען גלות מיט אלע זיינע בלוטיגע אינקוויזיציעס, און יעדער האט ממש געפיהלט דעם גאנצען אידישען בראך פון יענער צייט, און ער האט בולט געזעהען די גרויסע אידישע גייסטער וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם, און עס האט זיך געהערט א יללה פון דער ווייבערשער שוהל, א שטילער שלוכצען און איינגעהאלטענעם כליפען פון די מענער. מיט'ן איבערגעהען צו זכור ברית, האט דער עולם דערפיהלט א דערלייכטערונג און זיך צו ביסלעך איינגעשטילט.

אפט מאל האט זיך ר' אהרן אליין צעוויינט ביי א תפלה, און דאס זיינען געווען אמת'ע טרעהרען, טרעהרען וועלכע זיינען געקומען פון א פיהלענדע אידישע הארץ, ווייל ער איז געווען זיכער, אז ער איז דער שליח צבור.

ווען מיר איז אנגעקומען די טרויערינע בשורה, אז ר' אהרן פיסטעלזינגער איז געשטארבען, אין די מלחמה לענדער, האב איך זיך שטארק צעוויינט. זיין טויט ווערט זיכער באוויינט פון צעהנדליגע חזנים און זינגער, וועלכע זיינען זיינע תלמידים געווען און זיינען היינט אמת'ע עמוד קינסטלער.

ר' אהרן האט אויפגעבויט א שולע און ערצויגען א סך גוטע חזנים, אזעלכע ר' אהרן'ס האבען מיר געהאט א סך אין רוסלאנד, גאליציע און אנדערע אידישע צענטערן פון אייראפא, וועלכע האבען געקאנט דינען פאר א מוסטער פון אמת'ע עמוד קינסטלער, און עס איז קיין וואונדער ניט וואס די אידען דא אין אמעריקא און קאנאדע, בענקען אזוי שטארק נאך זייערע אמאליגע בעלי תפלות און קאנען ניט הערען די היינטיגע חזנים.

עהרע זיין אנדענקען.

אמת'ע
דיאמאנטען
מזומן
אדער קרעדיט

זייט זיכער צו קויפען ביי אונז דיאמאנטען. מיר זיינען דירעקטע אימפארטירער פון דיאמאנטען. מיר האנדלען בלויז מיט דיאמאנטען. און מיר גאראנטירען אייך איינצושפארען וועניגסטענס 20% אויף דעם וואס איהר קויפט. זייט זיכער צו זעהען אונזער גרויסען סטאק. מיר לאזען ארונטער א ספעציעלען דיסקאונט פון 10% פאר מזומן.

דזשייקאב בראס
15 טאראנטא ארקייד
געגענאיבער טעמפערענס סט.

האמילטאנער אידען

געדענקט, דאס
שעכטער'ס אפיס, קארנער
בארטאן און שערמאן, איז דער איינציגער אפיס אין שטאדט, וואו איהר בעקומט א אידישע בעהאנדלונג. ס'איז אפילו אביסעלע ווייט, אבער א נאהענטע ציעל צו ערגרייכען אלעס צופרידענשטעללענד. די מלחמה איז פארביי, און לויט די אראנדזשמענטס וואס מיר האבען געמאכט מיט די שיפס קאמפאניעס, קענען מיר פערקויפען שיפס קארטען אויף אויסצאהלען פאר'ן זעלבען פרייז, ווי פאר קעש.

אלע געלדער וואס ווערען געשיקט דורך אונזער אפיס ווערען גאראנטירט פון די בענק און קאמערס, מיט וועמען מיר שטעהען אין פארבינדונג. מיר זיינען דירעקטע פארטרעטער פון די בעסטע אינשורענס קאמפאניעס, אין פייער, לייף, עקסידענטס, און אויטאמאביל אינשורענס. ריעל עסטייט ליין איז אונזער ספעציאליטעט. מיר האבען גרויסע פארבינדונגען מיט בענקס און אראנזשירען פאר אייך די מארטגעדזשעס אומזאנסט.

דיעדס, טייטעלס, און די סוירטש צו ריעל עסטייט טראנסעקשאנס, מאכען מיר פריי צו די וואס קויפען פראפערטי דורך אונזער אפיס.

ליסטעט אייער הויז מיט אונז, איהר וועט בעקומען אייער געלד אהן טראבעל. מיר גיבען אויך מערידזש ליסענס, און סיטיזען פייפערס, שרייבען אונטער אפידייוויטס, און פערפערטיגען אלע אנדערע געזעצליכע פאפירען.

נעהמט א דזשיטניע, זאל אייך קאסטען א ניקעל פאהרען, ס'וועט אייך אריינברייננגען א סך געלד.

אפיס 676 בארטאן איסט. אפען יעדען טאג פון 9 ביז 9.
טעלעפאן גאר. 127.
הויז 65 איסט עוו. טעלעפאן 5589.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenes

נ. ב. מיר זענען די איינציגע פערטרעטער פון אלע אידישע צייטונגען. אויב איהר ווילט האבען צוגעשיקט דעם „זשורנאל", אדער אן אנדער צייטונג אין הויז, טעלעפאנירט און מיר טוען דאס איבעריגע.

דר. סיגעל און
דר. פאטאן
אונזער נייער אפיס איז אין דער
ראיעל בענק
בילדינג
קארנער דאנדעס און
טשעסנאט סטריט
מיר מאכען „ברידזש ווארק" און אלערליי אנדערע דענטאל ארבייטען. מיר גיבען אונזערע פאציענטען די בעסטע איפמערקזאמקייט.

א שעהנע הויז

ווילט איהר האבען אייערע רומס זאלען זיין דעקארירט און אנגענעהם צו וואוינען אין הויז, דאן ווענדעט זיך צו אטים ברידער 531 דאנדעס וועסט, וועלכע זיינען די איינציגע לייט אין דעם פאך. צופריעדענהייט גאראנטירט. טעלעפאנירט קאלעדזש 9179. אויך אויך פארקויפען מיר פיינט און פייפער.
7531—9—29.

דר. מ. פיוניק
דענטיסט
שמערצלאזע עקסטראקשאן פון ציינער
קאר. קווין און ספעדיינע עוו. רום 2
טעלעפאן ארעליי 4067

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7009
י. וו. בראדי ב. א.
פון
האליס, ווילסאן און בראדי.
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריום א. א. וו.
געלט צו לייהען
506—8 טעמפעל בילדינג, טאראנטא.
קארנער ריטשמאנד און בעי.

דר. א. ס. פאטאן
ספעציאליסט אין ברידזשארבייט
ציהט ארויסנעהמען אהן שמערצען
אפען ביז 8 אווענט
305 דאנדעס וועסט קארנער מיקאל
איבער דער דאמיניאן באנק
טעלעפאן קאלעדזש 7732

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער דאנדעס סטריט און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6073 הויז טעלעפאן קאלידזש 6937

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.
אפען אין אווענט.

דאקטאר
יוליוס לעווין
דענטיסט
אפיס: 382 קווין וועסט קארנער ספעדיינע עוו.
וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלעדזש 766

קאהען און קאהען
באריסטערס און נאטארי פאבליק א. א. וו.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען נארט 267
זעמיועלס קאהען דזשאנקשאן 1545.

ווענן ראיעלסטע און בעסטע א"נ קאמפאניען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו
פ. לעוואי
ספעשעל לייף אינשורענס
אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

פעסטאר און שולמאן
באריסטערס סאליסיטערס א. א. וו.
לאו אפיס
303 לאמסדען בילדינג
6 עדעלייד סטריט איסט, טאראנטא.
טעלעפאן מיין 4359.

צו פערענטען

צו פאררענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס סינק אין קיטשען נאכפרעגען 109 בראנזוויק עוו.

צו פאררענטען 2 סטיבעלס אין 106 ראבערט סטריט. מר. סטיצקי
8075 9—8

צו פאררענטען 2 רומס מיט אלע קאנוויניענס 450 ריטשמאנד וועסט, עדלייד 3989
8077—9—8

א קאפעל אהן קינדער פארלאנגען א פוירנישד רום, דאנסטערז אין א שעהנעם געגענד ביי א קליינע פאמיליע אדער א שעהנע 6 רומיגע הויז אן אויסגעפיקסטע נאכפרעגען 454 דאנדעס וועסט. טעל. קאל. 8961
8084—9—9

צו פאררענטען א גאראדזש פאר א אויטאמאבילס 211 בעלוואודס עוו.
8086—9—9

זעהר א פיינע אפ־טו־דייט פוירנישד פראנט רום צו פאררענטען אפסטערס אדער דאנסטערס מיט אלע באקוועמליכקייטען אין 110 באלדווין סט.
8090—9—8

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט אדעלייד 153
פאר מעסענדזשער.
אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.
אלע סארטען רייזער בלייידס געשארפט אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.
די אלערס, שארפער, רעג
180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט

אידך פייפער און פיינט מיט די בעסטע פיינט און שענסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען און גאראנטיר צופרידענהייט ווי אויך פערקויף ביליג בלאר פיינט אין פייפער בלור סטריט 856 טעלעפאן קאלעדזש 9461.
7808—9—19

בעקאנטמאכונג

דער אלט בעקאנטער פייפער הענגער און פיינטער מאכט יעצט די בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען.
ב. שאפירא 68 מיידזשאר סט. קאלעדזש 2229.
1906—9—31

דעכער פיקסען.

אלערליי דעכער פיקסען אדער מאכען נייע. סלייט, שינדעל, גראוועל, און פייפער מיט בעסטע גאראנטיע פון דער זיכערער קאמפאניע, ס. א. מאנהיים 130 יוראן סטריט, פאן קאלעדזש 3859. (7917—9—23)

פלאמבינג און היטינג קאמפארט קא. מיר מאכען אלע ארבייטען ביליג צו פרידענהייט גאראנטירט, 493 קווין וועסט טעלעפאן עדלייד 5277
7752—9—15

פייער אינשורענס

פאר הויז פארניטשור. די סאן רי־עלטי קאמפאניע, 125 שערבארן סט. 2 טירען סאוט פון קווין אפען אין אוונד
8028—9—11

מיר פיקסען אלערליי דעכער און מאכען נייע מיט א גאראנטיע צו די ביליגסטע פרייזען. 249 יוקליד עוועניו. קאלעדזש 7295, אויך קארפענטינג ארבייט ווערט געמאכט מיט די בעסטע צופרידענהייט.
8076—10—4

טעלעפאן אדעלייד 5615.
דר. א. סלאון
דענטיסט
מיט
דר. מ. קייטס
218½ קווין וועסט.
(קאר. מיקאל סטריט)

דר. ב. שאפער
דענטיסט
ספעציאליסט אין
קראון און ברידזש ארבייט
346 קאלעדזש סטריט

מיידלאך:
באפרייט אייער געזיכט פון זומער שפרינקלען און פימפעלס דורך נוצען
KREM-METAM FROZA
דאס אמת'ע ווערט בלויז פארקויפט
פון
Claude J Halloran
דראגיסט
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
TORONTO
פרייז 25 סענט
היט זיך פון פאלשע נאכגעמאכטע.

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פארקויפען א סעקאנד הענד קלאדינג סטאר מיט גוטען סטאק גאראנטירט א שעהנעם לעבען צו מאכען. נאכפרעגען 461 דאנדעס וועסט.
8024—9—9

איבערצוגעבען א הויז מיט פוירנישור אדער צו רענטען, אורזאכע פאר לאזט די שטאדט. רענט 155 דאלאר א מאנאט 5 רומס 60½ נעלסאן סטריט
8008—9—8

צו פערקויפען א מילך ראד מאכט פון 35 ביז 40 דאלאר א וואך. אורזאכע אייגענטימער פאהרט אהיים. 26 ליפינקאט סטריט. ווענדען זיך נאך 2 אין אווענד.

צו פארקויפען אדער צו פארענטען, אדער א פארטנער פארלאנגט אין א בייקינג ביזנעס פון ווייסע און רויי ברויט. איך באק (2000) צוויי טויזענד ברויט א טאג און לייז א גוטע פרייז. ווענדען זיך:
K. Kolaezynski
46 Page St. St. Catherines, Ont.
7941—9—10)

א דריינגודס און דזשענטס פורנישינג סטאר מוז שנעל פארקויפט ווערען. א שעהנער סטאק, אנגרויסעראבעל ווינדע סטאר, ביליג רענט, קווין וועסט, א גליקליך לעבען צו מאכען און געלט צו סייפען אורזאכע מוז פארלאזען קאנאדא.
זשורנאל באקס 923
8052—9—17

צו פארקויפען א סטאר מיט א וואוינונג מיט אלע קאנוויניענס 319 שומעק סטריט. גרויסער בארניין, נאכפרעגען 107 דעניסאן עוו.
7905—10—7

צו פארקויפען פארשיעדענע ווארען פון ליידיעס זאכען, מענער גלאווס, אין 106 ראבערט סטריט.

ווילט איר האבען א גוטען אפער פאר אייער הויז, סטאר און אנדערע ביזנעס פרעגט זיך נאך ד. דייווידסאן 408 רויעל בענק בילדינג קאר. קינג און יאנג עדלייד 3362
7806

צו אפרקויפען א גוטען קיטשען סטאוו מיט איין מענטעל פיס אויך איין ריידינג דעסק נאכפרעגען 102 אקספארד סט.

צו פערקויפען איין שאפ מיט מאשינען גוט פאר אן מאנופעקטשורינג, מוז שנעל פארקויפט ווערען זשורנאל באקס 765
8095—9—9

א קארנער סטאר אין 124 דעניסאן עוו. איבערצוגעבען מיט א 4 יאהר ליסט א גיטער טשאנז פאר א טיילארינג אדער פיש און טשיקען ביזנעס אדער א בוטשער און פרוכט סטאר, פיקטשורס מוזען איבערנעהמען נאכפרעגען 2902 קווין וועסט.
8081—9—9

איך זוך איבערצונעהמען איין דרייגודס אדער דזשענטס פארנישינג אין איין גוטען געגענט ווער עס וויל איבער געבען זאל זיך ווענדען אין זשורנאל באקס 666

איזידאר
פיינבערג
(לאיער)
קאמישאנער און דיעדס, געלד צו לייען.
171 יאנג סטריט
רום 35 אימפעריאל באנק.
טעל. מיין 3406
וואוינונג טעלעפ. היל. 2296

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען איז אכט!
מערידזש
לייסענס
קאן מען קריגען
אין אפיס פון
אידישען
זשורנאל
נאטיס! נאטיס!
די יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה פריי.
בענוצט זיך מיט
ריעזע געלעגענהייט!
אפיס פון דעם זשורנאל:
251-253 קווין וו.

ארבייטער פערלאנגט

פארלאנגט א באי פאר לייכטע ארבייט. נאכפרעגען אין זשורנאל אפיס א גאנצען טאג.

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס און באטען נייערס פאר ליידיס סקוירטס נאכפרעגען וואלדמאן 34 סט. פעטריק סטריט
8061—9—8

א בוס קיפער פערלאנגט מוז זיין עקספיריענסד גוראפסקי 113 קווין וועסט

אפעריטארס פערלאנגט צו ליידיס דרעסעס, בייקער סקוירט קאמפאניע 333 אדעלייד סטריט וועסט
8057—9—8

פארלאנגט צו רענטען אדער צו קויפען א הויז פון 6 אדער 7 רומס מיט קאנוויניענס צווישען מיקאל און באטהורסט סטריט שרייבען צו זשורנאל באקס 525
8085—9—25

פארלאנגט מעסענדזשערס גוטע פּיי. ווענדען זיך סי. פי. ר. טעלעגראף קאמפ. קינג און יאנג סטריט.
8037 9 16

וויכטיגע נייעס

סיימאן דער טאראנטאר מוכר ספרים איז שוין דא. וועלכע שוהל, חברה תלמוד תורה אדער סתם אידען וואס דארפען ספרי תורות, פרוכת'ן, מענטעלאך כלי קודש ספרים פערשיעדענע טליתים וואלענע און סילקענע תפלין ומזוזות כשר'ע שופרות אתרוגים לייכטער מעשענע און סילווער פליט. שנה טובה קארדס זאל קומען אדער שרייבען צו סיימאן 74 עליזאבעט סטריט, טאראנטא, אלעס וואס געפינט זיך נאר אין די סטיטס וועט מען דא באקומען מיט די ביליגסטע און בעסטע באהאנדלונג.

מי טאכטונג
סיימאן, 74 עליזאבעט סטריט און 53 ראנדעס סטריט
6827 9 23

בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי־לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

מצבות
די שעהנסטע
פון מארבעל און גראניט
ווערט געמאכט ביי
קעמינס און סאן
אויך אלע סארטען סיינס
צו מעסיגע פרייזען
120 טעראלי סטריט.
טעלעפאן אדעלייד 5957.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע
וינדא קלינינג קאמפאניע —

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן עדלייד 3087

אווענדען און יום־טובים טעלעפאנירט קאל. 5619

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST